

מורשת אור החיים הקדוש
הוצאת ספריו וכתביו הק' ומפעלים להפצת תורתו

# משתגעין ומתלהטין ב תורת האור החיים הקדוש

יום-טוב פסח תשפ"ד | גליון קיג

## מוסר חיים לקח מהפרשה במשנת רבינו

בשמי"ם ראש – לזכות ידידנו הרה"ח רבי יהודה בן שרה מרים הי"ו ווייס

### דער תכלית פון די מכות איז איינצופלאנצן א לויטערע אמונה אין כלל ישראל

אין פרשת בא קומט דער אור החיים הק' און איז מגלה אז דער גאנצער תכלית פון אלע אותות ומופתים וואס דער אויבערשטער האט געטון אין מצרים, אלע מכות וואס דער אויבערשטער האט געשיקט אויף פרעה און די מצרים, איז נישט געווען בלויז צו שטראפן די מצרים אויף זייער רשעות צו כלל ישראל, נאר ס'האט געהאט סאך א וויכטיגערע מטרה, דירעקט געוואָנדן צו אידישע קינדער.

דאס איז וואס די תורה זאגט: "**וּלְמַעַן תְּסַפֵּר בְּאָזְנֵי בִנְךָ וּבֶן בִּנְךָ אֵת אֲשֶׁר הִתְעַלַּלְתִּי בְּמִצְרַיִם וְאֶת אֹתֹתַי אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בָם**", דאס אלעס האט דער אויבערשטער געטון כדי דו זאלסט עס דערציילן פאר דיינע קינדער און אייניקלעך, און אזוי וועסטו אנקומען צום ציל: "**וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי ה'**"!

איז דער רבי מסביר, אז א זאך וואס ערוועקט וואונדער ווערט גוט איינגעקריצט אין הארץ און מ'געדענקט עס אויף לאנג. אזויווי חז"ל זאגן (חולין עה:): "**תְּרֵי תְּמִיהֵי מִדְּכַר דְּכִירֵי אִינְשֵׁי**" - צוויי וואונדערס געדענקען מענטשן. און די מכות וואס דער אויבערשטער האט געגעבן פאר מצרים האבן געוויזן צוויי מורא'דיגע תמיהות:

איינס - אז די מכות זענען געווען מיט "**שִׁדּוּד מַעֲרָכוֹת**", ער האט געטוישט די "סדר העולם" און געוויזן א מעכטיגע כח ווי ער געוועלטיגט איבער די טבע, אין איין רגע דרייט ער אלעס איבער וויאזוי ער וויל!

צוויי - די "ריבוי המכות" אליין איז געווען א זעלטענע זאך וואס האט אויסגערופן וואונדער. דער אויבערשטער האט זיך נישט באגנוגט מיט איינס אדער צוויי מכות, נאר גאנצע צען מכות, און יעדע פון די צען איז געווען צוזאמגעשטעלט פון פיר אדער פינף מכות אזויווי עס שטייט אין די הגדה. דאס איז א זאך וואס קיין שום פאלק אויף דער וועלט האט נאך אזאנס נישט געזען!

דאס איז די עיקר וואס דער אויבערשטער האט געוואלט: "**לְמַעַן תְּסַפֵּר**" דערצייל דאס פאר דיינע קינדער, מאך אן עסק פון דעם, ס'זאל פארנעמען א הויפט פלאץ! און דער ציל איז: "**וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי ה'**" - אז **ענק אידן** זאלן וויסן אז ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט! דאס וועט צונישט מאכן אלע אנדערע אמונות כוזבות אויף דער וועלט, נאך וואס די אידישע קינדער וועלן אנערקענען אז **נאר דער איינציגער באשעפער האט די כח צו טון אלעס, און נאר ער דרייט מיט די וועלט לויט ווי אים געפעלט!**

לייגט צו דער רבי, אז וועגן דעם זעט מען ביי מתן תורה אז דער אויבערשטער הייבט אָן די עשרת הדברות מיט "**אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם**", ער דערמאנט אונז אז ער האט אונז **ארויסגענומען פון מצרים**. פארוואס פונקט "יציאת מצרים" און נישט קיין שום אנדערע זאך וואס ווייזט זיין מעכטיגקייט ווי למשל "בריאת שמים וארץ"?!

ווייל ווען ער קומט אונז איינפלאנצן די אמונה פון "**אנכי ה' אלקיך**" נוצט ער די גרעסטע צייכן וואס ער האט סיי ווען געוויזן, און דאס איז "**יציאת מצרים**", וואס איז שוין איינגעפלאנצט געווארן אין אידישע הערצער מיט צוויי "תמיהות" וואס האט די שטערקסטע אויפגעוויזן אז נאר ער האט די אלמעכטיגע כח, און בלויז ער איז "**אנכי ה' אלקיך**"!

ענדיגט צו דער רבי מיט הארציגע ווערטער: "**בָּרוּךְ אֲשֶׁר כֵּן עָשָׂה לָנוּ**" - געלויבט השי"ת וואס האט אונז דאס געטון!

## פניני חיים פנינים מובחרים מעובדים ומתומצתים על פי דברי רבינו

בש"ם בצלאל

לע"נ הרה"ח רבי משה שמואל ב"ר בצלאל ז"ל

### קורצע געדאנקען באארבעט על פי דברי רבינו

#### "סיפור יציאת מצרים" איז א סגולה אויף קינדער

**וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר בַּעֲבוּר זֶה עָשָׂה ה' לִי בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם.** (שמות יג, ח)

דער אמת איז, אז אפילו ווער עס האט נישט קיין קינדער איז אויך מחויב צו דערציילן סיפור יציאת מצרים פאר זיך אליין. איז פארוואס שטייט וְהִגַּדְתָּ "לְבִנְךָ", דאס איז דאך נישט דער עיקר מצוה?!

נאר די תורה קומט מרמז זיין: "**וְהִגַּדְתָּ**" - אויב דו וועסט זאגן די הגדה און דערציילן די מעשה פון יציאת מצרים וואס שטייט אין די פרשה, וועט דער אויבערשטער העלפן; "**לְבִנְךָ**" - **אז דו וועסט זוכה זיין צו קינדער, און וועסט דאס קענען דערציילן פאר דיינע קינדער!**

#### פסח ביינאכט איז מרומז די ניסים פון די גאולה העתידה

**לֵיל שִׁמֻּרִים הוּא לַה' לְהוֹצִיאָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם הוּא הַלַּיְלָה הַזֶּה לַה' שִׁמֻּרִים לְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְדֹרֹתָם.** (שמות יב, מב)

אין דעם פסוק איז די תורה מרמז פארשידענע ניסים וואס האבן פאסירט אין דעם הייליגן נאכט - די "**ליל שמורים**" - וואס איז ספעציעל אנגעגרייט פאר ניסים.

און דער פסוק ענדיגט זיך: "**שִׁמֻּרִים לְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְדֹרֹתָם**", דא איז די תורה מרמז די ניסים וואס זענען אנגעגרייט "**לְדוֹרוֹתָם**" - **לסוף הדורות** - וואס גייען אינגיכן געשען ביי די גאולה שלימה בביאת משיח צדקנו במהרה בימינו אמן.

#### יעדע פסח ביינאכט פון ניי געשעט א "יציאת מצרים"

דער רבי זאגט, וזה לשון קדשו: "**אָמְרוּ יוֹדְעֵי פְּנִימִיּוּת הַתּוֹרָה, שֶׁכָּל לֵיל פֶּסַח מִתְבָּרְרִים כּוֹחוֹת הַקְּדֻשָּׁה מֵהַקְּלִפָּה וְנוֹסָפִים בְּעַם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, וְהִיא הַבְּחִינָה עַצְמָהּ שֶׁל יְצִיאַת מִצְרַיִם**". יעדע יאר פסח ביינאכט ווערן אויסגעלייזט כוחות הקדושה פון די קליפה, און דאס אליינס איז א בחינה פון "**יציאת מצרים**" - אז מ'לייזט אויס די הייליגע כוחות פון די טומאה.

מיט דעם טייטשט ער די מאמר חז"ל: "**בְּכָל דּוֹר וָדוֹר חַיָּב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם**", וואס הייסט אז יעדער דארף זיך אנקוקן כאילו **ער אליין** איז ארויס פון מצרים? ווייל וויבאלד יעדע יאר ווערן פון ניי אויסגעלייזט כוחות הקדושה פון די טומאה, **קען א מענטש זיך אליינס זען ווי ער גייט ארויס פון מצרים, און קומט צוריק אריין צו די קדושה.**

צו באקומען דעם גליון אין אמעריקא, אדער איבערצוגעבן אייער נדבה ביטע רופט: 845-533-2998 אדער שיקט אן אימעיל צו: torahsohrhachaim@gmail.com

הלכה ודרוש

## אכילת מרור גם מדין 'חירות'

**וּמַצּוֹת עַל מְרֹרִים.**

גַּם הַמְּרוֹרִים שֶׁיִּצַּו ה' הוּא לְצַד כִּי כֵן דֶּרֶךְ אוֹכְלֵי צְלִי לֶאֱכֹל עִמּוֹ דָּבָר חַד כִּי בָּזֶה יֶעֱרַב לְחֵךְ הָאוֹכֵל וְיֹאכַל בְּכָל אַוַּת נַפְשׁוֹ (שמות יב ח).

לפי דברי רבינו, מובן שיטת הפוסקים (חק יעקב סי' תע"ה סקי"ט; שו"ע הרב שם סי"ג; משנ"ב שם סקי"ד) שאם רוצה רשאי להסב באכילת מרור, כיון דהמרור מורה גם על חירות. ואכן **הגה"ק מפלאצק בהגדה 'ברכת השיר'** (פיסקא עבדים היינו, פסח שהיו אבותינו אוכלים) כתב גם כן דמרור אחר המצה רומז לגאולה שהיתה בזכות המרור.

והוסיף ליתן בזה טעם, שלפיכך תיקנו חכמינו ז"ל **לטבול המרור בחרוסת**, אף שעל פי עיני השכל נראה זה כתרתי דסתרי, שהרי המרור עניינו עבדות, וטיבול עניינו חירות, אמנם, כיון שקושי השיעבוד השלים וגרם להיות הגאולה שלא בזמנה, שפיר יש לרמוז בעצם אכילת מרור גם ענין חירות, לאחר שהמרור גרם לזירוז החירות. ובזה המתיק מה שקראו חז"ל (פסחים לט, א) את מין המרור 'חסא' על שם דחס רחמנא עלן.

ואילו הסוברים דאינו רשאי להסב, י"ל שגם הם מודים שהמרור הנאכל עם הפסח הוי דרך חירות, כי הדבר המר משבח את הצלי, ולכך בכורך מיסב, אבל במרור הנאכל לחודיה אינו בגדר חירות כלל וכמובן, ואינו אלא זכר ל"וימררו", ולכך אינו מיסב.

**והגרש"ז אויערבאך** זצ"ל (הליכות שלמה, פסח עמ' ש"א בהערות) למד מוסר מדברי רבינו, דהנה המרור נאכל לזכר המרירות שהמצריים מררו חיי אבותינו במצרים, אבל יחד עם זאת מבואר בדברי רבינו שהוא גם טוב ומטעים את הבשר. וכמו"כ גם המצה נאכלת לזכר החירות שלא הספיק בצקם של אבותינו להחמיץ עד שנגלה עליהם הקב"ה וגאלם, אולם 'לחם עוני' זה הוא גם זכר לעבדות, כי בימים ההם היתה המצה לחם עבדים. ואין כאן ח"ו הנהגה או טעמים הסותרים אחד את השני.

ונבין זאת בהקדמת הפסוק (איכה ג, לח) "מפי עליון לא תצא הרעות והטוב", כי רע ממש אין לפניו ית"ש, והרע הנראה לעין הוא בא רק דרך עונש ותיקון. וכן מבואר במדרש (ב"ר כ, ה) כתיב "על גחונך תלך", א"ר אליעזר אף קללתו של הקב"ה יש בה ברכה, אילולא שאמר לו הקב"ה על גחונך תלך, האיך היה בורח לכותל ונכנס לחור וניצל. הרי מבואר שגם לקללתו של הקב"ה יש מטרה ותכלית, וכן בענייננו, הטעמים הפוכים להורות באו, כי בתוך הגלות נעוצה כבר הגאולה ומעז יצא מתוק. עכ"ד.

ואלו דברי **השפת אמת** (פסח תרנ"ה): שבמצרים לא היו מוכנים לגאולה וח"ו היו נטמעים בתוכם, ולכן עשה הקב"ה שימררו חייהם, וכ"כ בזוה"ק שמות, בפסוק "הפך לבם לשנוא עמו" ע"ש, כדי שיחפצו בגאולה. ולכן מרור זכר ל"וימררו חייהם", שזה היה הכנה לטובה. וכמו כן, כל היסורים שבאים על בנ"י כששוכחין את הבורא, ומתוך יסורי הגוף באין לצעקה ונזכרין בנפשותיהם. וכ"כ "ויאנחו וגו' מן העבודה", וגרם זה, "ותעל שועתם אל האלוקים". שמיסורי הגוף באין להרגיש יסורי הנפש. והכל הכנה אל הגאולה, לכן כתיב "ביד חזקה", בעל כרחן שלא בטובתן נתקרבו אליו ית"ש, ויש להלל ולשבח על זה. ע"כ.

**ויש לדון להלכה** לפי פירוש רבינו, בעת אכילת המרור [עכ"פ באכילת 'כורך', שנאכל המרור בכריכה עם המצה, שהוא גם זכר לקרבן פסח], האם יש לכוון כן שהוא בא גם לצורך חשיבות וגדולה. וממה שאין אומרים טעם זה באמירת 'מרור זה שאנו אוכלים על שום מה', אין ראיה, שהרי גם במצה אין מזכירין אלא הטעם שלא הספיק בצקם של אבותינו להחמיץ, הגם שיש עוד טעם משום זכר לעבדות, וכמו שהזכיר גם הגרש"ז בדבריו הנ"ל, ובהכרח שלא נקט אלא עיקר הטעם, ואפשר, דלכתחילה יש לכוון גם הטעם הנוסף.

אגדה וחסידות

## השינוי באופן סיפור יציאת מצרים בפסח

**וְהָיָה כִּי יִשְׁאָלְךָ וְגוֹ'.**

פֵּרוּשׁ, בְּשָׁעָה שֶׁיִּרְאֶה בִּנְךָ עִנְיַן פִּדְיוֹן בְּכוֹר אִם יִשְׁאָלְךָ אַתָּה חַיָּב לוֹמַר לוֹ, אֲבָל בְּלֹא שְׁאֵלָה אֵין חִיּוּב אֶלָּא בְּלֵיל פֶּסַח, וְלָזֶה דִּקְדֵּק לוֹמַר "מָחָר", פֵּרוּשׁ, אֲפִלּוּ לְמָחָר דְּהַיְנוּ כָּל זְמַן שֶׁיִּהְיֶה, וְאָמַר "לֵאמֹר", פֵּרוּשׁ, שֶׁתִּהְיֶה כַּוָּנָתוֹ בַּשְּׁאֵלָה שֶׁתֹּאמַר אֵלָיו אָז הוּא שֶׁתְּשִׁיבֵהוּ בַּדֶּרֶךְ הָאָמוּר, אֲבָל אִם יֹאמַר "מַה זֹּאת" בְּדֶרֶךְ זִלְזוּל, לֹא לְכַוָּנַת הַתְּשׁוּבָה לֹא תְּשִׁיבֵהוּ כָּזֶה (שמות יג יד).

לכאורה נראה לבאר, שאין כוונת רבינו לומר שבליל פסח אין צריך שיהיה בדרך שאלה ותשובה, שהרי כתבו **הפוסקים** (ע' שו"ע הרב סי' תע"ג סי"ד; דרך פקודיך מצוה כ"א; ועוד) שצריך שיהיה בדרך שאלה ותשובה. אלא ודאי רצונו לומר דבליל פסח אפילו שאין באה לו השאלה מאליה, צריך לעוררו ולהביאו לידי כך שישאל ואז יספר לו. משא"כ בפדיון בכור אם אינו שואל מעצמו אין ענין לסבב ולגרום לו שישאל כדי שיספר, ורק אם שואל יש חיוב לספר.

ובספה"ק **כתר תורה** (להרה"ק רבי מאיר בן הקדושת לוי זי"ע) כתב להוכיח כפירושו של רבינו מגוף הפסוקים, שנאמר שם (לעיל פסוק ח) "והגדת לבנך ביום ההוא לאמר בעבור זה עשה ה' לי בצאתי ממצרים", ודרשו חז"ל (מכילתא פרשת בא) שזה נאמר כלפי הבן שאינו יודע לשאול, שהחובה לפתוח לו. ותמיה איכא, למה דוקא כאן נאמר "בעבור זה", לדרוש על כך - 'לא אמרתי אלא בשעה שיש מצה ומרור' וכו', ולא בשאלת הבן החכם והרשע והתם.

ונראה בס"ד **על פי דכתב האור החיים** ז"ל בפסוק "והיה כי ישאלך" וגו', דהא דאינו מחויב לספר ענין יציאת מצרים רק בליל פסח, כמאמר חז"ל 'בשעה שיש מצה ומרור' וכו', דווקא בבן שאינו שואל אותו, רק מעצמו מספר לבנו, אז אין החיוב רק בליל פסח, מה שאין כן כשהבן שואל, אז בכל עת ששואל מחויב להשיב לו, והדעת נוטה לזה.

ולפי זה ניחא דגבי שאלת בן חכם ותם ורשע, לא נאמר בעבור זה לדרוש בשעה שמצה וכו', דהא אלו שלשה בנים שואלים גם כן בכל השנה, הגם שאין מצה ומרור לפניו מחויב להשיב. מה שאין כן, זה הפסוק "והגדת לבנך", פירש רש"י דמיירי בבן שאינו יודע לשאול, מדכתיב "והגדת לבנך", שהוא עצמו יגיד לו בלא שאלתו, וכיון דהוא בלא שאלה, נאמר "בעבור זה" לדרוש בשעה שיש מצה ומרור וכו', דבזה אינו מחויב לספר רק בליל פסח, כיון דהוא בלי שאלה, וק"ל. עכ"ד.



# לימוד תורה בחול המועד מציל ממחלות הקיץ

בימים הנעלים של ימי חול המועד, מזהיר רבינו על החובה לנצל הזמן ללימוד התורה, וכדברי הירושלמי 'לא ניתנו מועדים לישראל אלא שיעסקו בהם בתורה'.

תלמיד רבינו רבי משה פראנקו, ששמע את דרשותיו של רבינו באיטליה בדרכו לארץ ישראל, כותב בשמו דבר מבהיל, ש'ימי הפסח' הם הכנה למנוע מחלות המתפשטות בימות הקיץ, ו'ימי הסוכות' הם הכנה למנוע מחלות המפשטות בחורף.

**ונעתיק את הדברים ככתבם וכלשונם:** "נתן לנו הקדוש ברוך הוא שבעה ימים של סוכות ושבעה ימים של פסח, לזכות באלו הימים הרבה שכר לעולם הבא.

"ואמרו חכמינו זכרונם לברכה, שמאחר שעת הקיץ בא ויש חולאים רבים בסיבת החום, נתן לנו ה' **שבעה ימי פסח שהם ימים טובים פנויים ממלאכה, ללמוד בתורה, וילך לשמוע דברי תורה להראות הדרך הישרה שיבור לו האדם.** וכמו כן שבעה ימי סוכות.

ועם זכותם, **ינצל האדם מן החלאים המקריים לבא בימות התמוז** ובימות הגשמים. ולא כאותם שמאבדים זמנם באלו הימים לשחוק בקרטין או דבר אחר, אוי להם ואוי לנפשם".

עוד הוא מוסיף וכותב דבר מבהיל, שבימי חול המועד יש הארה מיוחדת על נשמות ישראל, ומי שעוסק במלאכה או במשחקים ואינו עוסק בעבודת ה', נמצא שמשאיר חלל בנשמה, ועל זה נאמר "מחלליה מות יומת". לעומת זאת, מי שעוסק בתורה ומצוות הוא ממשיך עליו ההארה קדושה ביתר עוז.

**וזה לשונו:** "צריך אתה לדעת שתיבת "מחלליה" הוא לשון חלל, ודע, שבימי החול נשמותינו בעוונות ונשאר חלל מהארה עליונה, מפני שכל אחד עסוק במלאכתו ואין בני אדם מבקשים אותה. ועכשיו בימים האלו חייבים אנו לבקש אהבת ה' כל מה שיש בידינו לעשות, ואז ממשיך ה' לנו הארה יתירה משאר הימים, ונעשה החלל שאמרנו גס ועב.

ואם אנו עוסקים במה ששנא ה', כמו שחיקת קרטין וכדומה, היינו סיבה לחלל נשמותינו שנשאר חלל". **עד כאן לשונו.**



# לימוד תורת רבינו בעצם ליל הסדר – סגולה לזרע של קיימא

כתב רבינו בפרשת בא, שמצות סיפור יציאת מצרים היא סגולה לבנים, ובזה מפרש הפסוק "והגדת לבנך", שאם תקיים מצוות "והגדת" או אז מובטח לך ותזכה "לבנך", שיהיו לך בנים. ובלשון קדשו של רבינו: "ירמוז באומרו "והגדת לבנך", שאם יגיד הגדה האמורה בענין, יזכהו ה' שיגיד לבנו".

דברי קודשו התפרסמו כסגולה לחשוכי בנים, ללמוד אותו בליל הסדר לזכותם של חשוכי בנים, והדבר מביא לישועות גדולות בענין. ובידינו עדויות על הרבה זוגות שנושעו על ידי כך.

באופן כללי, העידו צדיקים גדולי הדורות, כי בספר 'אור החיים הקדוש' טמונה סגולה להיפקד בבנים, היות שלרבינו הקדוש לא היו לו ילדים, והכניס את כל כח ההולדה בספרו הקדוש.

מופת חי בענין זה סיפר אחד מגאוני הדור על עצמו לפני כמאה שנה, כדלהלן: "כאשר חלפו כמה שנים מנישואי ועדיין לא זכינו להיפקד בזרע של קיימא, נסעתי להאדמו"ר רבי יוסף מאיר בעל 'אמרי יוסף' מספינקא זצוק"ל, כדי שיעורר עלינו רחמים להיפקד בדבר ישועה ורחמים.

אמר לי האדמו"ר, שאכנס אליו למחרת בבוקר לאחר התפילה ונלמד יחדיו קטע בספר 'אור החיים הקדוש' שהוא מסוגל לבנים. למחרת, עשיתי כמצוותו, ולאחר שלמד עמי הורה לי שאלמד אותו קטע בכל הזדמנות. והפטיר: "בן זכר יולד לכם ובעזרת ה' אבוא בעצמי לשמש בסנדקאות". בתקופה הבאה הרגלתי עצמי להגות באותו קטע, עד שהיה שגור על פי מילה במילה ובכל עת מצוא הייתי משננו. וכמובן שנושע ונפקד לטובה.

בהלוויתו של אותו גדול, סיפרו את המעשה לאדמו"ר בעל 'לב שמחה' מגור זצוק"ל, נענה האדמו"ר ואמר: "כל הספר 'אור החיים הקדוש' מסוגל לדבר זה.



# די היסטארישע נסיעה פון בעש"ט הק' קיין ארץ ישראל

כל ימיו האט דער בעש"ט הק' זי"ע משתוקק געווען און פאראַרבעט מורא'דיגע כוחות מקרב צו זיין די גאולה שלימה. אין מערערע מקורות ווערן געברענגט, אז דער בעש"ט הק' מיט זיינע הויכע השגות האט משיג געווען, אז אויב ער וועט זיך טרעפן מיט'ן אור החיים הק' פנים אל פנים וועלן זיי אינאיינעם קענען ברענגען משיח צדקנו, און וועגן דעם האט זיך דער בעש"ט הק' געריסט צו פארן קיין ארץ הקודש, זיך צו טרעפן מיט'ן "נר המערבי" דער אור החיים הק', צוזאמען צו פאראַרבעטן אויף די גאולה.

[עס איז וויכטיג צו באמערקן, אז דאס איז נישט געווען די **עיקר סיבה** פארוואס דער בעש"ט הק' האט געוואלט פאָרן קיין ארץ ישראל. אזויווי מ'זעט פונעם בריוו וואס ער האט געשיקט צו זיין שוואגער הרה"ק ר' **גרשון קיטוב'ער** זי"ע ארום צען יאר נאכ'ן הסתלקות פון אור החיים הק', וואו ער שרייבט: "**כי ה' יודע שאין אני מייאש עצמי מנסיעה לארץ ישראל**". אבער ווי געזאגט האט ער אויך געהאט א שטארקע תשוקה זיך צו טרעפן מיט'ן אור החיים הק' אין ארץ ישראל.]

האט דער בעש"ט הק' געשיקט זיין שוואגער הרה"ק ר' **גרשון קיטוב'ער** זי"ע קיין ארץ ישראל, און אים געבעטן פרעגן דעם אור החיים הק' צו ער קען קומען קיין ארץ ישראל זיך טרעפן מיט אים. האט דער אור החיים הק' צוריק געשיקט פרעגן דעם בעש"ט הק', צו בשעת ווען ער מאכט אן "עליית נשמה" זעט ער אים אינגאנצן אדער נישט. דער ענטפער פונעם בעש"ט הק' איז געווען, אז אלעס קען ער זען חוץ זיין פוס-פלאך. האט דער אור החיים הק' געשיקט זאגן, אז אויב אזוי זאל ער זיך נישט מטריח זיין צו קומען, ווייל זיין טירחה וועט זיין אומזינסט.

האט הרה"ק ר' גרשון שנעל אפגעשיקט א בריוו צום בעש"ט הק' אז דער אור החיים הק' האלט אז ער זאל נישט קומען. למעשה האט זיך דער בריוו אפגעהאלטן פון הימל, און וויבאלד דער ענטפער האט זיך פארזוימט צו קומען, האט דער בעש"ט הק' מחליט געווען זיך מוסר נפש צו זיין און זיך ארויסלאזן אין וועג, טראצדעם וואס ער האט חושש געווען אז פון הימל וועט מען אים אפהאלטן.

איז דער בעש"ט הק' ארויסגעפארן פון מעזשבוזש פארנדיג דורך שטעט און דערפער, און כדרכו בקודש האט ער טאג טעגליך געזארגט נאר פאר די הוצאות פון יענעם טאג נישט איבערלאזנדיג קיין פרוטה אויף מארגן. צו די נסיעה האבן זיך אנגעשלאסן זיין משמש בקודש הרה"ק ר' **צבי סופר** זי"ע, און זיין טאכטער הצדיקת מרת **אדל** ע"ה. חודש ניסן תק"ג זענען זיי ענדליך אנגעקומען קיין אינסטאמבול אין טערקיי, פון וואו זיי האבן געהאפט אפצורייזן קיין ארץ הקודש.

אין ספר "**נתיב מצוותיך**" דערציילט הרה"ק ר' **יצחק אייזיק מקאמארנא** זי"ע (שביל אמונה א, אות ט), אז ווען דער שיף האט זיך ארויסגעלאזט מיט'ן בעש"ט הק' קיין ארץ ישראל, האט מיטאמאל אויסגעבראכן א געפערליכע שטורעם וואס האט אינגאנצן צובראכן דעם שיף, און אלע רייזנדע זענען שיעור נישט דערטרונקען געווארן אין ים, אבער דער אויבערשטער האט געמאכט א נס אז זיי האבן זיך אנגעכאפט אויף א ברעט פונעם שיף, און אזוי זענען זיי געשווימען מיט די שטורמישע כוואליעס ביז'ן ברעג.

אין יענע מינוטן האט מען פון הימל צוגענומען פונעם בעש"ט הק' אלע זיינע מדריגות, ביז אפילו בלויז צו זאגן די פשוט'ע ווערטער פון סידור איז ער אויך נישט געווען מסוגל. האט זיך דער בעש"ט הק' מחזק געווען און געזאגט: "וואס איז? אפילו מ'האט מיר געמאכט אַן 'עם הארץ', קען איך נאך ממשיך זיין קיין ארץ ישראל און זיך טרעפן מיט'ן אור החיים הק'!"

מיטאמאל האט זיך דער ס"מ באוויזן צו אים, און אים אנגעהויבן איבערצורעדן אפצולאזן די ריינע אמונה פשוטה. אבער דער בעש"ט הק' האט זיך געשטארקט מיט אלע כוחות און געזאגט: "וואס איז? אפילו מ'האט מיר געמאכט פאר א פשוט'ע מענטש אָן קיין שום מדריגות וועל איך נישט אויפגעבן מיין נאמען "איד" און איך וועל חלילה נישט פארלאזן מיין ריינע אמונה!" און תיכף ומיד האט ער זיך גענומען זאגן הויעך: "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד". ווען דער ס"מ האט געזען אז ער קען אים בשום אופן נישט בייקומען האט ער אים אפגעלאזט.

דער בעש"ט הק' האט געזען אז פון הימל וויל מען נישט ער זאל ווייטער ממשיך זיין מיט'ן פארן קיין ארץ ישראל, האט ער זיך אנגערופן: "רבונו של עולם, אויב דיין רצון איז איך זאל נישט פאָרן נעם איך עס אָן!" אין יענע רגע האט ער צוריק באקומען אלע מדריגות ווי פארדעם, און זיין רבי דער נביא אחיה השילוני האט זיך באוויזן צו אים, און ארויסגענומען דעם בעש"ט הק' מיט זיינע צוויי באגלייטער פונעם ים, און ער האט זיי אראפגעשטעלט אין שטאט אינסטאמבול. דארט האט זיך דער בעש"ט הק' אויפגעהאלטן אויף פסח, און ווי באוואוסט איז אים געשען דארט אין יענע טעג אפענע ניסים.

אין ספר "**זקן ביתו**" פון הרה"ק ר' **אליעזר צבי מקאמארנא** זי"ע ווערט געברענגט, אז א רייכע קינדערלאזע אידענע פון אינסטאמבול וואס האט געהערט איבער די גרויסקייט פונעם בעש"ט הק' האט זיך דערוואוסט אז ער איז אנגעקומען צו זיי אין שטאט, און ער האט נישט מיט זיך קיין פרוטה אחת אויף צרכי יום טוב.

האט זי תיכף ומיד אנגעלאדנט א וואגן מיט כל טוב, פלייש וויין און ירקות, מיט טייערע שיינע אנצוגן און הערליכע זילבערנע כלים, און אלעס אריבערגעטראגן צום בעש"ט הק' אין אכסניא. נאכן אפלאדענען די גאנצע סחורה האט זי ארויסגעדרוקט אז איר גאנצע וואונטש איז איין זאך: צו מאכן א נחת רוח פארן צדיק וקדוש! און זי וויל אים גארנישט בעטן דערויף, כאטש זי איז שוין יארן לאנג קינדערלאז ר"ל.

נאך יו"ט האט דער בעש"ט הק' איר געלאזט רופן, און געפרעגט וואס זי וויל אים בעטן? האט זי געזאגט, אז עס איז שוין פארלאפן פינף און צוואנציג יאר זינט איר חתונה, און זי האט נאכנישט זוכה געווען צו קינדער.

האט דער בעש"ט הק' געזאגט: "אויב אזוי זאג איך דיר צו, אז צום יאר וועסטו האבן א קינד!" גלייך איז ארויס א בת קול פון הימל אז ער האט שאָדן געהאט זיין עולם הבא, ווייל ער איז מטריח כלפי שמיא צו מאכן ניסים שלא כדרך הטבע. ווייל יענע פרוי האט על פי דרך הטבע נישט געקענט האבן קיין קינדער.

ווי נאר דער בעש"ט הק' האט דאס געהערט איז ער געווארן מלא שמחה, זאגנדיג: "מיין גאנץ לעבן בין איך באזארגט צו מיין עבודה איז אפשר נישט ריין לשם שמים. יעצט אז איך האב פארלוירן מיין עולם הבא, קען איך רואיג דינען דעם אויבערשטן נאר אים צו מאכן א נחת רוח און צו טון זיין ווילן אָן קיין שום כוונה צו באקומען שכר!"

די ווערטער האבן געמאכט א גרויסע רעש אין הימל, און עס איז נתעורר געווארן א געוואלדיגע עת רצון. נאכדעם האט אים זיין רבי דער נביא אחיה השילוני געזאגט, אז ער איז געשטאנען פאר א ביטער שווערע נסיון, און מיט'ן ביישטיין דעם נסיון האט ער אלעס מתקן געווען.

*

בשם הרה"ק ר' **לייב שרה'ס** זי"ע ווערט דערציילט, אז זייענדיג אין אינסטאמבול האט זיך דער בעש"ט הק' משתטח געווען על ציון קדשו פון הגה"ק ר' **נפתלי כץ** זי"ע - בעל "**סמיכת חכמים**" - וועלכער איז געווען רב אין פויזנא, און אויך ער האט זיך ארויסגעלאזט קיין ארץ ישראל וועלנדיג אנקומען קיין ירושלים עיה"ק, אבער זייענדיג אין אינסטאמבול איז ער leider נסתלק געווארן ושם מנוחתו כבוד.

נאכ'ן זיך משתטח זיין אויפן ציון, האט זיך דער "סמיכות חכמים" אין איינע פון די נעכט פון חול המועד פסח מגלה געווען צום בעש"ט הק', און געווארנט, אז אויב ער פארט נישט תיכף צוריק אהיים גייט ער מיטטיילן די זעלבע גורל ווי אים, אז ער גייט ר"ל נסתלק ווערן בארצות נכר, און ער גייט נישט מצליח זיין אנצוקומען קיין ארץ הקודש. און הגם עס איז געווען אום חול המועד, האט זיך דער בעש"ט הק' נישט פארזוימט אפילו א טאג, נאר תיכף ומיד צוריק אפגערייזט מיט'ן שיף אהיים צו זיין לאנד.

ליידער איז נישט געווען דעמאלטס קיין שעת הכושר אז די צוויי הייליגע צדיקי הדור זאלן זיך צוזאמטרעפן, און די שכינה הקדושה איז נאך ליידער אין גלות מיט כלל ישראל וואס הערט נישט אויף צו וויינען און בעטן מיט הייסע טרערן: "השב שכינתך לציון עירך, ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, ושם נעבדך ביראה כימי עולם וכשנים קדמוניות"!

אויפן פארלאנג פונעם ציבור, האבן מיר זיך בס"ד לעצטנס שטארק פארברייטערט מיטן דרוקן און מפיץ זיין דעם גליון ברחבי תבל, און מיט דעם ווענדן מיר זיך צו אייך, אזוי ווי די הוצאות זענען גרויס, און די זכות פון דרוקן און מפיץ זיין האט א געוואלדיגע כח הסגולה כידוע, ביטע נעמט השתתפות אין די מלאכת הקודש מיט'ן מנדב זיין א גליון לזכות אדער לע"נ.
צו באקומען דעם גליון אין אמעריקא, אדער צו געבן אייער נדבה ביטע רופט: 845-533-2998
אדער שיקט אן אימעיל צו: torahsohrhachaim@gmail.com
פאר סיי וועלכע פראגעס בנוגע דעם גליון, קענט איר רופן:
הרה"ח יהודה לייב זארגער שליט"א 917-681-0310 • הרה"ח אברהם ישראל הערשקאוויטש שליט"א 845-537-0839
וזכות רבינו הק' תגן בעדכם לרוב ברכה והצלחה וכל טוב

מערכת הוצאת הגליון מאחלים ומברכים ללומדי ומפיצי תורת רבינו חג פסח כשר ושמח וכימי צאתנו מארץ מצרים נראה

כל הזכויות שמורות למורשת אור החיים הקדוש הוצאה לאור והפצת מעיינות הקודש בראשות הרה"ג משה שווארץ שליט"א
מען למכתבים סוקולב 9\ב בני ברק ליצירת קשר בקו המורשת 0733.713.620 מייל G077-490-4173@gmail.com